בס"ד

שבת ראש חודש

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א


## תזריע מצורע

א' אייר תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:36 |
| מוצש"ק | 7:51 |
| ר"ת | 8:30 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:32 | סוז"ת א' | 9:54 |
| סוזק"ש ב' | 9:17 | סוז"ת ב' | 10:24 |

די צייטן לויט די זומער זייגער


גליון מס':

כז


## טיב הפרשה

# קעגן גסות הרוח דארף מען א דאפלטע כפרה

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר איבער די פרשה פון די מצורע. די תוה"ק דערציילט אונז אז ווען א איד ווערט געשלאגן מיט צרעת מוז ער האבן א כפרה. אין די תוה"ק ווערט אויסגערעכנט די סדר וואס א מצורע דארף מאכן צו באקומען א כפרה.

דער מצורע דארף ברענגען צוויי לעבעדיגע פייגל, א שטיקל האלץ פון א טענענבוים און א שני תולעת און א שטיק אזוב גראז.

רש"י אויפן ארט געבט א טעם וויאזוי די אלע זאכן האבן שייכות מיט א מצורע. ער זאגט אז די צוויי פייגל ברענגט מען ווייל צרעת קומט דאך וועגן לשון הרע, און לשון הרע איז א תוצאה פון רעדן איבריגע זאכן און מידה כנגד מידה ברענגט מען צוויי פייגל ווייל פייגל טשוויטשענען אסאך ברענגט מען דאס אז דער מענטש זאל זיך דערוועקן צו היטן זיין מויל. א טענענבוים ברענגט מען מכפר צו זיין אויף גאוה, ווייל א טענענבוים איז א הויכער בוים און די שני תולעת און די אזוב ברענגט מען ווייל ביידע זענען קליינע זאכן - אז דער מענטש זאל זיך אפלערנען שפלות פון א וואָרעם און אן אזוב גראז.

לכאורה איז שווער א קשיא. רש"י הייבט אן זאגן אז צרעת קומט וועגן לשון הרע און גלייך נאכדעם גייט רש"י אריבער צו רעדן אז די שני תולעת און די אזוב קומט צו דערוועקן דער מענטש צו ענוה.

צי קומט צרעת וועגן לשון הרע אדער וועגן גאוה?

אבער דער אמת איז אז עס איז נישט קיין קשיא ווייל די ביידע זאכן זענען געקניפט און געבינדן איינער אין די אנדערע. די שורש פון לשון הרע איז גאוה און גסות רוח. דער וואס רעדט לשון הרע נעמט זיך עס פון דעם אז ער האלט זיך גרעסער פון דעם צווייטן, ער קוקט אראפ דעם אנדערן, אבער דאגעגן דער וואס האלט זיך קלענער פון יעדן איינעם וועט נישט בארעדן א צווייטן איד, ווייל אין זיינע אויגן זענען אלע חשוב'ער פון אים.

איך האב אמאל געהערט זאגן אז וועגן דעם האט די תוה"ק געהייסן אז מען זאל ברענגען צוויי סימנים פאר ענוה סיי א שני תולעת און סיי אן אזוב, צו ווייזן אז די עבודה אויסצורייסן פון זיך גסות רוח און גאוה פאדערט אסאך יגיעה און הארע־וואניע.

דער געדאנק טרעפן מיר אויך ווען דער תנא אין פרקי אבות רעדט וועגן גאוה. די


<<< | המשך אין עמוד ב' |


## טיב המערכת

### הכלי אשר ישב עליו

אמאל, חול המועד פסח, איז א יונגערמאן געגאנגען מיט זיין יונגל איבער די גאסן פון די הייליגע שטאט ירושלים. פלוצלונג האט דער טאטע צוגערופן זיין זון און געזאגט צו אים 'גיי נישט דארט'. 'פארוואס' פרעגט דער זון. 'ווייל דארט האט מען פארברענט די חמץ' האט דער טאטע געענטפערט. דער יונגל פארשטייט אבער נאך אלץ נישט, 'מען האט דאך שוין פארברענט די חמץ, פארוואס טאר מען נישט גיין דארט'? 'ווייל די פלאץ איז פארשווארצט און פול מיט אש'. 'אבער עס איז שוין דורכגעגאנגען א פאר טעג, פארוואס איז נאך אלץ שמוציג? ביז ווען וועט עס בלייבן אזוי שמוציג'. האט אים דער טאטע געענטפערט מיט געדולד: 'ווייל מען האט נאכנישט גערייניגט, איז עס געבליבן שמוציג, און אזוי וועט עס בלייבן ביז מען וועט גוט אויסרייניגן דעם פלאץ'.

אין עטליכע ערטער אין אונזער פרשה, זעען מיר די השפעה וואס מענטשן און מעשים האבן אויף די ארט וואו זיי ווערן געטון, סיי ביי דער מצורע וואס ער דארף ארויסגיין פון אלע דריי מחנות, און ער קען אפילו נישט זיין צוזאמען מיט אנדערע טמא'נע מענטשן, "וטמא טמא יקרא". אזוי אויך זעען מיר דאס ביי די פרשה פון "נגעי בתים" וואס דער פסוק זאגט "ופינו את הבית", "ולא יטמא כל אשר בבית". און בעיקר זעען מיר דאס ביי די טומאה פון א זב, וואס דער פסוק זאגט "וכל הכלי אשר ישב עליו יטמא", און אין רש"י זעען מיר ווי ווייט די טומאה גייט, אז אפילו אויב עס זענען דא צען כלים איינס אויף די אנדערע, זענען זיי אלע מטמא.

פון די אלע זאכן זעען מיר ווי ווייט איז די השפעה אויף א פלאץ, פון די מעשים וואס ווערן דארט געטון, אז אפילו אויב די זאך פון די טומאה איז שוין מער נישט דארט, נאר עס זענען דארט געבליבן כלים וואס דער טמא'נער מענטש האט זיך באניצט מיט זיי אדער ער איז געזעצן אויף זיי, זענען זיי אויך מטמא.

דאס אלעס איז אלעמאל ריכטיג, און איבערהויפט יעצט ווען מיר שטייען ביים אנהייב פון די זומער טעג וואס "לפתח חטאת רובץ", און אמאל קען א מענטש טראכטן צו זיך: 'וואס איז דען שלעכט אויב איך שפאציר נאר אביסל, אדער איך גיי נאר דארט אריבער'? אבער דער אמת איז, אז מיר זעען דאך אז די השפעה פון די מעשים וואס ווערן געטון, בלייבן איבער אויפן פלאץ, און אויב איז עס אזוי בגשמיות, איז עס דאך אוודאי אזוי אין רוחניות, דעריבער זאל יעדער איינער היטן זיינע טריט און די טריט פון זיין הויזגעזינד, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים 'אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד', דאס הייסט אז מען זאל זיך אפילו נישט פארזוימען און אפילו נישט שטיין אין די וועג פון די זינדיגע.

און "זה לעומת זה עשה אלקים", אזוי עס שטייט אין פסוק "כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא", אז דארט וואו עס געפינען זיך ערליכע אידן און מען טוט דעם רצון ה', באקומט דער ארט א געוואלדיגער כח, אזוי ווי חז"ל זאגן "אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש", און עס שטייט אין פסוק "כי טוב יום בחצריך".

(עפ"י טיב התורה-מצורע)


טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024



יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

משנה [פרק ד'] נוצט א דאפלטע לשון קעגן גאוה. ער זאגט מאד מאד הוי שפל רוח, ווייל עס פאדערט זיך אסאך הארעוואניע פון א מענטש אויסצורייסן די שווערע מדה פון גאוה.

בדרך אפשר קען אויך זיין אז דאס האט דער תרגום געמיינט טייטשנדיג דער פסוק זאת תהיה תורת המצורע – דא תהי אורייתא דסגירא, ווייל א בעל גאוה איז בעצם פארשלאסן ביי זיך, ער האלט זיך גרעסער ווי יעדן, עס פאסט אים נישט צו האבן שייכות מיט יעדן, ער האלט זיך גרעסער פון זיי און אויטאמאטיש איז ער פארמאכט אין זיך אליין.

די תוה"ק זאגט אונז אַן אז א מענטש וואס איז אפגעשיידט פון אנדערע מענטשן איז א טמא'נער מענטש און צוליב זיין טומאה דארף ער זיצן אליין ווייל דאס איז זיין גרעסטע טומאה, אז ער זיצט אליין, אפגעזונדערט פון אנדערע און דאס איז אויך זיין תיקון.

די ערשטע זאך וואס די מצורע דארף טון צו באקומען א תיקון איז צו קומען צום כהן. ער ווייזט זיין האנט פארן כהן און מיט דעם איז ער זיך מכניע פארן כהן, ער מוז אננעמען וואס א צווייטער גייט זאגן אויף אים.

דאס אליינס, אז ער מוז זיך מכניע זיין פאר א צווייטן, איז די גרעסטע רפואה פאר זיין נפש. עס ברענגט אים אריין אין א מצב אז ער זאל זיך מוזן בייגן פאר א צווייטן און קענען ווערן אויסגעהיילט פון זיין קרענק.

די הארבקייט פון גאוה ווערט מערערע מאל דערמאנט אין די ספרי קודש. דער חכם מכל האדם שלמה המלך רופט עס אן 'תועבה' ווייל גאוה איז תועבת השם. אויך אין חז"ל טרעפן מיר רעדן קעגן דעם. חז"ל זאגן אונז אז הקב"ה זאגט אז ער קען נישט וואוינען אין איין שטוב מיט א בעל גאוה.

און ביים אויבערשטן איז דאס איז די גרעסטע טומאה, עס איז מאוס בתכלית המיאוס און וועגן דעם דארף זיך דער מענטש דערווייטערן פון דעם ווי ווייט ער קען.

עס גייט א טריט ווייטער. ווען א מענטש וועט זיך מתבונן זיין וועט ער אויפמערקן א מורא'דיגע זאך. ער וועט זען אז נאכדעם וואס ער איז בגאוה האט ער א נפילה און פאר־קערט ווען א מענטש פירט זיך בענוה האט ער נאכדעם גרויסע התעלות.

עס זעט אויס א טעכנישער זאך, אבער באמת ליגט דערינען א שטארקער דערהער. ווי געזאגט ווען א מענטש האלט זיך גרויס דערווייטערט ער די שכינה פון זיך און ווען די שכינה איז נישט מיט אים האט ער א ירידה. דאגעגן ביי דער עניו שטייט אז השי"ת רוט ביי אים און ווי חז"ל זאגן שוין [סוטה ה] אשכון את דכא אז השי"ת איז משרה זיין שכינה אין איינער וואס האלט זיך קליין און אז עס איז דא ביי אים השראת השכינה איז ער זוכה צו א התעלות.

דער אמת איז אז דער וואס לעבט ריכטיג און טראכט ריכטיג ווערט נישט דערשראקן ווען ער האט א דורכפאל. ער ווייסט אז די ירידה איז פאר זיין תועלת. עס איז געמאכט אז ער זאל זיך קוקן אין פנים און זיך אפשאצן מיט אן אמת. דער מענטש האט א נאטור אז ער ווערט פארגלייבט אין זיינע כוחות, ער רעדט זיך איין אז ער קען אליין אבער פון הימל ווייזט מען אים אז ער לעבט אין א טעות, אז ער קען נישט אליין, אז ער איז אנגעוויזן אויף רחמי שמים.

די בחינה טרעפט מען ביי דוד המלך ע"ה. דער גרויסער צדיק זאגט אויף זיך [קיט] תעיתי כשה אובד בקש עבדך, אז איך האב געבלאנדזשעט און איך דארף אנקומען צו דיר. דער צדיק דוד המלך האלט זיך נישט אפ פון זאגן דעם אמת אז ער דארף אנקומען צום בורא כל העולמים, ווייל דאס איז די אמת און אדרבה, א דאנק דעם איז ער זוכה צו התעלות, צו שטייגן העכער, צו מער השראת השכינה, אז מער שערים עפענען זיך אויף אין הימל צוליב דעם.

אויך ביי משה רבינו טרעפט מען די געדאנק. די תוה"ק איז מעיד אויף אים אז ער איז געווען דער עניו מכל האדם, אז ער האט זיך געהאלטן גארנישט ביי זיך און דאס איז שוין משה רבינו, דער צדיק יסוד עולם און דאס אלעס האט זיך גענומען פון די זעלבע נקודה, אז אפילו אז ער האט געוואוסט זיינע מעלות האט ער עס אבער נישט געזען ווי עס געהער צו אים, נאר ווי א זאך וואס קומט פון דעם רבוש"ע און עס איז ביי אים א מתנה גדולה.

די נקודה איז אויך א גרויסער חיזוק פאר יעדער איד. אסאך מאל מאכט זיך דער מענטש א חשבון אז ער איז דאך אזוי נידריג און וואס וועט שוין ווערן פון אים. די מחשבה וואלט געווען ריכטיג, אויב די מדריגות וואלטן געווען זיינע, אבער אויב ער געהערט צו השי"ת און אלעס קומט פון דעם רבוש"ע איז עס נישט זיין פליכט צו טראכטן וואס עס גייט ווערן. ער דארף טון און די איבריגע וועט שוין קומען צו גיין פון הימל און ווי חז"ל זאגן שוין אין מדרש שיר השירים [ה] פתחו לי פתח און די איבריגע וועט שוין השי"ת משלים זיין, ווייל די מדריגות קומען פון הימל, פון דער מענטש וויל מען נאר די ערשטע התחלה.

זאל השי"ת העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו דינען השי"ת בלב שלם און ריין פון יעדע סארט פרעמדע פניה.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## דער 'טעות' וואס האט געראטעוועט

ווען מיין טאטע האט מיר געבעטן אז איך זאל מיטקומען מיט אים קיין איטאליע אויף די יום טוב פסח, האב איך אים נישט אפגעזאגט.

איך וואלט ליבערשט געוואלט בלייבן אין שטוב אבער די מצוה פון כיבוד אב וועגט איבער. מיין טאטע פארט שוין יארן אהין צוליב שליחות פון אידישקייט און אפילו אז עס איז פסח, געבט ער עס אוועק פון זיך.

שוין עטליכע יאר וואס מיין טאטע ליידט אויף די הארץ. א גאנץ יאר מוז ער איינעמען טאבלעטן. א טייל פון די טאבלעטן האבן אין זיך חמץ און וועגן דעם האט עס מיין טאטע איבערגעלאזט ביי זיך אין שטוב.

עס איז געווען מוצאי שבת חול המועד פסח ווען מיין טאטע האט זיך אנגעהויבן שפירן זייער שלעכט. זיין לעבן איז געווען אין א סכנה און אזוי ווי איך בין באהאוונט אין די זאכן האט מען מיר געלאזט רופן. איך בין געקומען צו לויפן און זעענדיג אז דער מצב איז נישט גוט, האב איך גלייך פארשטאנען אז דאס האט שייכות מיט די מעדיצינען וואס ער האט נישט גענומען אין די לעצטע טעג. איך בין גלייך אריבערגעלאפן אין די לאקאלע אפטייק און געבעטן פון דעם אפטייקער צי ער קען מיר געבן די מעדיצינען.

די סארט מעדיצינען געבט מען געווענליך ארויס נאר מיט א רעצעפט פון דעם דאקטאר אבער אזוי ווי איך האב זיך איינגעבעטן ביי דעם דאקטאר און אים דערציילט ווי קריטיש דער מצב איז האט ער מיר ארויסגעגעבן די מעדיצין אויך אן א רעצעפט.

זייענדיג אין אפטייק און זעענדיג אז עס ליגט אין די זייט נאך מעדיצינען וועלכע מיין טאטע שלעפט אלעמאל מיט זיך האב איך זיך איינגעהאנדלט די סארט מעדיצין און עס מיטגענומען צו די אכסניא. פאר מיין טאטע האב איך געגעבן די מעדיצין און ער האט עס גענומען און זיך בארואיגט.

איך האב נאך געהאלטן אינמיטן זיצן דארט אוןווארטן צו זען דער אויסגאנג ווען פלוצלונג קלינגט די טעלעפאן אין צימער און א קליין קינד וויינט ביטערליך אז איר ברודער האט פארלוירן זיין אטעם און ער מוז דרינגענד הילף.

איך בין גלייך אהינגעלאפן און געגעבן פארן קינד די מעדיצין. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער קינד האט זיך גענויטיגט אין איינער פון די מעדיצין וואס איך האב נארוואס איינגעקויפט. איך האב זיך געפריידט אז איך האב געקענט העלפן דאס קינד צוריקבאקומען זיין אטעם און זיין מצב האט זיך איינגעשטעלט.

אזוי רעדנדיג מיטן קינד האב איך געוואלט פארשטיין פארוואס עפעס האט זי מיר געקלינגען. פון וואו האט זי געוואוסט אז איך האב די מעדיצין. איך האב איר געשטעלט די שאלה און צו מיין וואונדער האט זי געזאגט אז זי האט זיך טועה געווען און זי איז געווען זיכער אז זי רופט אריין אין די לאבי צו די האטעל באאמטע אבער פון הימל האט מען געפירט אז זי האט געקלינגען צו מיר און איך האב געקענט זיין דער גוטער און דער ריכטיגער שליח.

דערציילט דורך דער בעל המעשה - ח.ש.א. בעלגיע

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין
פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

## זכותו יגן עלינו!

## הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע

לכבוד דעם גרויסן יומא דהילולא, פונעם הייליגן רבי'ן רבי ישעיה בן רבי משה קערעסטירער זצוק"ל, וואס געפאלט אין דעם קומענדיגע טעג (ג' אייר תרפ"ה לפ"ק), ווערן מיר דא ברענגען וואס מורינו ורבינו שליט"א דערציילט אין זיין ספר "טיב הזכרונות", איבערן הייליגן בעל ההילולא, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

->•<-

**אהבת השם יתברך און אהבת ישראל**

די הייליגע לעבנסטעג פון דעם גרויסן צדיק, וועלכער איז געווען פון די גרעסטע צדיקים אין זיין צייט, איז פול געווען מיט פלאמעדיגע ליבשאפט צום אויבערשטן, מיט א געוואלדיגן מסירות נפש, און מיט א וואונדערליכע ליבשאפט צו די הייליגע תורה, היטנדיג אויף איר מיט א געוואלדיגן דקדוק אויף יעדן חומרא און הלכה, מיט א געוואלדיגע יראת שמים וואס האט געשוועבט אויף אים שטענדיג, און מיט זיין באוואוסטן אהבת ישראל צו יעדן אידיש קינד.

זיין גאנץ לעבן איז פול געווען מיט גמילות חסדים וואס ער האט געטון מיט זיין גאנצן הארץ און זעל, זייענדיג דער געטרייער טאטע און פאסטוך פון אידישע קינדער מיט א געוואלדיגע און לויטערע ליבשאפט. דער נאמען פונעם צדיק איז באוואוסט געווארן איבער גאנץ אונגארן און דער געגנט אלס פועל ישועות, און פילע אידן זענען געהאלפן געווארן ביי אים.

טראץ דעם געוואלדיגן פרסום וואס ער האט געהאט, איז ער שטענדיג געבליבן מיט זיין הערליכע מדת הענוה, און יעדער האט אים געקענט אלס א וואונדערליכער עניו און שפל ברך אויף אן אומשאצבארער אופן.

ער איז געווען דער עמוד הצדקה אין זיין דור, ווען ביי זיין טיש האבן זיך געדרייט שווערע טויזנטער מענטשן. פון איין זייט פלעגן די עשירים און פארמעגליכע אידן אים געבן גרעסערע סומעס געלט, וויסנדיג אז ער לאזט נישט איבער אפילו א פרוטה פאר זיך – ווייל פאר זיך אליין און זיין הויז איז ער אלעמאל געבליבן מיטן זעלבן ארימקייט צו וועלכע ער איז געווען צוגעוואוינט און עס ליב געהאט נאך פון זיין יוגנט.

און פון די אנדערע זייט זענען געקומען צו אים פילע נויטבאדערפיגע אידן, פאר וועמען ער האט געשאנקען מיט די גרעסטע ברייטהארציגקייט און ליבשאפט, אן צו מאכן קיין אונטערשייד צווישן אפשטאם און געמיינדע.

->•<-

**תולדותיו של צדיק**

זיינע עלטערן זענען געווען פשוט'ע אבער גאטספארכטיגע אידן. רבי ישעי'לע איז נישט געווען קיין 'יחסן', און האט נישט געשטאמט פון קיין רבי'ס און רבנים. זייענדיג א יונג קינד איז ער ליידער פאר'יתומ'ט געווארן פון זיין טאטן, און זיין מאמע די אלמנה די צדיקת האט אים געשיקט קיין ליסקא, צום הייליגן רבי הערשעלע ליסקער, מחבר פונעם הייליגן ספר "אך פרי תבואה".

דער יונגער יתום איז אויפגענומען געווארן דורכן צדיק מיט א געוואלדיגע ליבשאפט. זיין ענוה, תמימות און ערליכקייט וואס איז געווען צוזאמגעפלאכטן מיט ריינע יראת שמים, האט שטארק אויסגענומען ביים צדיק, און ער האט גענומען אויף זיך צו זארגן פאר אלע זיינע באדערפענישן, ברוחניות ובגשמיות.

דער הייליגער רבי הערשעלע ליסקער האט אים אויפגענומען פאר זיין משמש בקודש, און אים געשטעלט אויף זיין הויז, און ער איז געווארן זיין רבי מובהק.

זיין גאנצן לעבן האט רבי ישעי'לע געשפירט אז ער איז נאר א "שמש", בטל ומבוטל פאר זיין רבי, און אויך מיט יארן שפעטער, ווען זיין רבי איז נסתלק געווארן און ארויפגעגאנגען לגנזי מרומים, און דער הייליגער תלמיד איז אליין געווארן ראש בני ישראל און געווען פון די גדולי מנהיגי הדור, האט ער שטענדיג געהאלטן אז דאס איז אלעס מיטן כח פון זיין הייליגן רבי'ן, וועמען ער איז ווייטער משמש, און ער איז נאר א 'צינור' אריבערצופירן די השפעה פון זיינע הייליגע רבי'ס צו די גאנצע וועלט.

->•<-

**הכנסת אורחים**

דאס ערשטע זאך אינעם קערעסטירער הויף, איז די הייליגע מצוה פון "הכנסת אורחים", וואס איז באוואוסט געווארן איבער די גאנצע וועלט, און איז געווען א חידוש אפילו אין פריערדיגע צייטן.

צו יעדער צייט איז דאס הויז פון רבי ישעי'לע גרייט געווען אויפצונעמען די פילע אידן וועלכע זענען געקומען צו זיין הויף, און אסאך ארימעלייט זענען געווארן מקושר צו אים און זיך דארט אויפגעהאלטן. אין יעדע צייט פונעם טאג אדער נאכט איז געווען גרייט עסן, פאר יעדער איינער וואס איז הונגעריג און דארף עסן.

רבי ישעי'לע אליין האט שטארק אכטונג געגעבן דערויף, אז עס זאל אלעמאל זיין א שפע פון עסן אין זיין הויז, צו קענען מחיה זיין אידישע קינדער. וואס פארשטייען מיר דען אין זיינע הייליגע דערהויבענע כוונות, וואס ער האט דערמיט משפיע געווען אויבן אין הימל מיטן כח פון דאס וואס מען טוט אונטן, אזוי ווי מיר וויסן פונעם זוהר הקדוש.

יעדער איינער וואס איז אנגעקומען אין קערעסטיר, צו פאר א וואכנטאג אדער פאר א שבת און יו"ט, פלעגט קומען צו רבי ישעי'לע, וואו ווארימע מאלצייטן זענען דערלאנגט געווארן כיד המלך, מיט א גוטן ארט צו נעכטיגן. קערעסטירער חסידים האבן שוין געוואוסט, אז ווען מען פארט צום רבי'ן, דארף מען נישט זיין באזארגט וועגן די גשמיות'דיגע אש"ל!

פילע מעשיות זענען באוואוסט ביי אידן, איבער וואונדערליכע ישועות וואס רבי ישעי'לע האט גע'פועל'ט מיטן כח פון אט דעם הייליגן מצוה, און עטליכע ספרים זענען שוין געדרוקט געווארן איבער די מעשיות פונעם הייליגן צדיק. זע אויך אין ספר הברית (ח"ב מאמר י"ב פ"ח) איבערן גרויסקייט פון די מצוה פון הכנסת אורחים, אז עס איז נישטא קיין סוף צו איר שכר אויף יענער וועלט, און אפילו אויף די וועלט ברענגט עס אלע מיני הצלחה פארן מענטש.

אום ראש השנה, ביי די הפסקה פאר תקיעת שופר, איז רבי ישעי'לע געשטאנען און האט געשניטן די קוכן פארן גרויסן ציבור, אז דער עולם זאל האבן וואס צו עסן.

און ער פלעגט זאגן מיט זיין הייליגן עניוות: די גרויסע צדיקים זענען יעצט עוסק אין **רזין דרזין**, דאס זענען די כוונות פון די תקיעות וואס זענען באהאלטן און זענען מרומז אין די ווערטער פונעם זוהר הקדוש וואס איז געדרוקט אין מחזור פאר די תקיעות, אבער איך בין א פשוט'ער איד און איך בין עוסק אין **לשובע ולא לרזון!** צו זאט מאכן אידישע קינדער.

ומי יבוא בסוד קדושים.

->•<-

**גערעטעוועט דעם הונגעריגן ארימאן אין די לעצטע מינוט**

דער הייליגער מונקאטשער רב זצוק"ל בעל "מנחת אלעזר", איז אמאל געקומען קיין קאליב אום ז' אדר, דעם גרויסן יומא דהילולא פון הרה"ק רבי אייזיק'ל קאליבער זי"ע, וואס כידוע פלעגן אונגארישע אידן אהינפארן אין די מאסן אין דעם טאג, און עס איז געווארן א תל תלפיות פאר רבבות אלפי ישראל. זייענדיג דארט האט זיך דער מונקאטשער רב געפריידט צו טרעפן דער הייליגער רבי ישעי'לע קערעסטירער, וועלכער איז געקומען מיט זיינע חסידים זיך צו משתטח זיין אויפן הייליגן ציון.

נאכן מתפלל זיין אינעווייניג ביים ציון, האט רבי ישעי'לע געפירט א טיש אין קאליב, כדרכו בקודש, לכבוד דעם גרויסן יומא דהילולא. ווען רבי ישעי'לע איז אריינגקומען צום טיש און זיך געוואשן צו די סעודה, האט ער באמערקט וואו דער הייליגער מונקאטשער רב איז אויך געקומען זיך באטייליגן ביים טיש, און וויבאלד רבי ישעי'לע האט נישט געקענט אויסרעדן, האט ער געוויזן מיטן פינגער אז ער זאל זיך זעצן נעבן אים. דער מונקאטשער רב האט זיך שנעל אוועקגעזעצט נעבן רבי ישעי'לע, און האט גלייך אנגעהויבן נאכקוקן דעם צדיק און זען אלעס וואס ער טוט, מיט זיין שארפן אויג.

ווען רבי ישעי'לע האט זיך געענדיגט וואשן צום עסן און אפווישן זיינע הענט, האט ער אנגעכאפט דעם ריזיגן פרישן "קויליטש", וועלכע איז געבאקן געווארן ספעציעל לכבוד דעם יארצייט, האט ער געשניטן א שטיקל פון אינמיטן, אזוי ווי די הלכה, און האט געמאכט די ברכה "המוציא" מיט גרויס כוונה כדרכו בקודש, און האט ארויסגעשניטן דעם שטיקל וואס ער האט אנגעגרייט.

אבער נאך איידער ער האט אליין טועם געווען פון די חלה, האט ער אנגעהויבן אראפצונעמען מיטן מעסער דעם הארטן חלק פון דעם רעפטל, כדי עס זאל נאר בלייבן דעם ווייכן טייל דערפון.

דער מונקאטשער רב וועלכער איז געזעצן אין דער זייט, און איז געווען זייער שטרענג אפצוהיטן די הלכה, ווי באוואוסט, און זעענדיג ווי דער רב ציט אזוי לאנג מיטן שניידן, איז געווארן זייער צוקאכט, און ער האט מוחה געווען, זאגנדיג: "נו, הפסק"!

רבי ישעי'לע האט זיך אבער

המשך אין עמוד ד'

ניסט וויסנדיג געמאכט מיט זיינע ווערטער, און זייענדיג פארטיפט אין זיינע הייליגע געדאנקען האט ער ווייטער ארויסגעשניטן דעם ווייכן טייל, און גלייך ווען ער האט געענדיגט, איז ער גלייך אויפגעשטאנען פון זיין ארט, מיטן שטיקל ווייכע חלה אין זיין האנט, און איז געלאפן ביזן אנדערן עק טיש, וואו ער האט עס געגעבן פאר אן ארימער צובראכענער מענטש וואס איז דארט געזעצן, און גלייך דערנאך איז ער צוריקגעלאפן צו זיין ארט, און האט גלייך טועם געווען פונעם איבעריגן שטיקל המוציא.




נאכן עסן א כזית און אנקומענדיג צום געוואונטשענעם מאס וואס מען דארף עסן ביים אנהייב פון די סעודה, האט רבי ישעי'לע זיך געווענדן צום הייליגן מנחת אלעזר, און ער האט געזאגט צו אים מיט זיין הייליגע ענוה: וויסן זאלט איר, אז ווען איך האב געענדיגט מאכן די ברכה פון "המוציא", האב איך באמערקט אן עלטערער ארימאן וועלכער האט נישט קיין ציין, ווי ער זיצן קעגן מיר און קוקט אויפן שטיקל חלה. ער איז געווען זייער אויסגעהונגערט, זיינע אויגן האבן זיך ארויסגעשטעקט פון זייערע לעכער האלטנדיג כמעט ביי א "בולמוס" רח"ל, שמעקנדיג די פרישע ווארימע חלה! דעריבער האב איך נישט געקענט בשום אופן עסן, ביז איך האב אים געגעבן דעם ווייכן שטיקל אים צו מחיה זיין!

נו, זאגט איר מונקאטשער רב – האט רבי ישעי'לע אויסגעפירט, וואס איז וויכטיגער, 'הפסק', אדער 'רחמנות'? איז דען דער נעבעכדיגער ארימאן, וואס זיצט ביי מיין טיש, ערגער ווי א בהמה, וואס די הלכה ווערט גע'פסק'נט (ברכות מ. שו"ע או"ח קסז, ו) אז מען מעג אויסרעדן צווישן "המוציא" און דאס טועם זיין, און זאגן 'גביל לתורא' און עס הייסט נישט קיין הפסק, און אוודאי דא, וואס עס איז געווען אן צו רעדן...

->•<-

### פארהאלטן דעם באן – פאר א איד וואס האט געדארפט א ישועה

צוליב די פילע מאסן וועלכע זענען געקומען צו פארן קיין קערעסטיר איבערן גאנצן יאר, פון אלע זייטן פון לאנד, צו בעטן די ברכה פונעם הייליגן צדיק, האט די פארוואלטונג פונעם באן געמוזט צושטעלן א ספעציעלן באן-סטאנציע, כאטש קערעסטיר איז נאר געווען א קליין שטעטל אין אונגארן.

האט אמאל פאסירט, אז ווען דער באן האט זיך אפגעשטעלט אין קערעסטיר, האט מען בשום אופן נישט געקענט ווייטער פארן. א גרויסן טומל איז געווארן אויפן ארט. די ארבעטער זענען גלייך געקומען צו גיין, אין באגלייטונג פון די פאליציי, צו זען וואס איז דא געשען, זיי האבן אבער גארנישט געפינען.

פלוצלונג, אינמיטן דעם גאנצן "באלאגאן", האט זיך א איד אויפגעוועקט, זייענדיג פארזינקען אין א טיפן שלאף אין איינס פון די וואגאנען [ביי לענגערע רייזעס אויפן באן, זענען דא בעטן צום שלאפן]. גלייך ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, זעענדיג דעם גאנצן טומל, האט ער געפרעגט: וואו געפינען מיר זיך? ווי נאר ער האט געהערט אז מען געפינט זיך אין "קערעסטיר", איז ער גלייך ארויסגעשפרינגען פונעם באן, נאך איידער דער באן פארט ווייטער.

אין די מינוט וואס דער מענטש איז אראפגעגאנגען פונעם באן, איז שוין נישט געווען קיין שום אפהאלט, און דער באן איז ווייטער געפארן אן קיין פראבלעם...

שפעטער איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז וויבאלד דער איד האט געוואלט פארן צום הייליגן רבי ישעי'לע, האט ער געווארט אויף אים, און האט אויפגעהאלטן דעם באן ביז דער מענטש איז אראפגעגאנגען, ויהי לפלא.

->•<-

### סעודת מלוה מלכה

איינע פון די מצוות וואס רבי ישעי'לע האט ספעציעל מהדר געווען אין דעם, איז געווען די סעודה פון מלוה מלכה, וואס ער האט זיך געפירט צו פראווען ברב עם הדרת מלך. יעדן וואך פלעגט רבי ישעי'לע פראווען א גרויסארטיגע מלוה מלכה אום מוצאי שבת קודש, און צו די סעודה פלעגן קומען הונדערטער אידן פונעם גאנצן געגנט.

אפטמאל פלעגט מען שעכטן א שעפסל אדער א קעלבל ספעציעל אום מוצאי שבת, פאר די סעודה פון מלוה מלכה, צוליב די פילע געסט וואס זענען געקומען. אסאך מעשיות זענען אנגעבינדן געווארן אין אט די מלוה מלכה סעודות, ואין כאן המקום להאריך.

->•<-

### די וואונדערליכע סגולה פון זיין הייליג בילד

עס איז באוואוסט די געוואלדיגע סגולה פון אויפהענגען דעם הייליגן בילד פונעם רבי'ן, איבערהויפט אנטקעגן "מייז" און אנדערע אומגעוואונטשענע געסט, וואס דורכן רבי'נס בילד ווערן זיי פארשוואונדן.

דער מקור פון די סגולה איז, אז דער הייליגער רבי האט אוועקגעשטעלט א ספעציעלן בית דין וואס האט ארויסגעגעבן א קלארן פסק אויבן און אונטן, אנטקעגן די מכה פון די מייז.

און מעשה שהיה כך היה:

איינמאל איז א איד געקומען צו רבי ישעי'לע, און האט דערציילט אז ער פארמאגט א ריזיגער פאבריק, וועלכער ליידט פון א געפערליכע מכה פון מייז. אט די רשעות'דיגער מייז (זע תוס' ב"מ מ. בשם ירושלמי) פארלענדן דעם גאנצן אינהאלט פונעם פאבריק.

האט דער רבי צוגערופן דריי חשוב'ע אידן פונעם שטעטל, און זיי אוועקגעזעצט מיט א ספעציעלן "מושב בית דין", און זיי האבן ארויסגעגעבן א פסק אז אלע מייז און מזיקים מוזן פארלאזן דעם פאבריק פונעם איד, און גיין צום הויז פונעם גוי וואס געפינט זיך נעבן דעם...

ווי נאר דער פסק-דין איז ארויסגעקומען פועם בית דין, האבן די הונדערטער און טויזנטער מייז אפגעלאזט דעם פאבריק, און זיך גלייך ארויסגעלאזט איבער די גאס צום הויז פון דער גוי!

ביזן היינטיגן טאג איז אנגענומען ביי אידן די סגולה פון זיין הייליגן בילד, וואס דורך די יארן איז עס פארשפרייט געווארן אין טויזנטער עקזעמפלארן, און איז אנגענומען געווארן אלס סגולה און שמירה פון מייז, מזיקים און אנדערע אומגעוואונטשענע געסט, בגשמיות וברוחניות.

->•<-

### זיינע ווייטזעענדע אויגן

פאר זיין הסתלקות, האט דער צדיק געזען מיט זיין רוח הקודש דעם גרויסן חורבן פונעם צווייטן וועלט-מלחמה, און האט געבעטן דעם אויבערשטן אז ער זאל אים אוועקנעמען פון די וועלט נאך איידער עס קומט דער געפערליכער חרון-אף אויף אידן, זאגנדיג אז ער איז נישט אימשטאנד דאס בייצווואוינען, "כי איככה אוכל וראיתי ברעה אשר ימצא את עמי, ואיככה אוכל וראיתי באבדן מולדתי" (אסתר ת, ו).

און רבי ישעי'לע האט מגלה געווען צו איינע פון די משפחות פון זיינע חסידים, דאס איז די באוואוסטע "רידער" משפחה, אז זיי וועלן זוכה זיין גערעטעוועט צו ווערן פון די מלחמה, און האט זיי צוגעזאגט א שמירה עליונה אין די שרעקליכע יארן. אט די משפחה איז טאקע די איינציגע משפחה פונעם גאנצן געגנט וואס איז איבערגעבליבן בשלימות נאך די ביטערע וועלט-מלחמה!

זאל זיין גרויסן זכות מגין זיין אויף אונז, אז מיר זאלן געהאלפן ווערן בתשועת עולמים, במהרה בימינו אמן.

על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלב"ע י"ג אלול תשפ"ג תנצב"ה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321 גרפציק

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173